Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Der neyer "Seyfer ha-drosheṡ"

a bukh fir ale Iden ; enṭhalṭ ariber hunderṭ drosheṡ

Sefer Shemot - parashah Shemot

**Shṿemer, Shemuʾel**
**שווערמ, שמואל**

**Iaşi, 1939**

**urn:nbn:de:kobv:517-vlib-4461**

Visual Library

D-lui Moise Ghita
Bul. Brătianu 26
București

**CENZURAT**




# דער נייער „ספר הד...

## א בוך פיר אלע אידען

**ענטהאלט אריבער הונדערט דרשו...**

אויף יעדע סדרה פון דער תורה און אויף אלע ימים טובים, וועלכע
בעהאנדלען די ברענענ׳ינסטע פראגען בנוגע צו אידען און אידענטום
פון די גאנץ ערשטע צייטען ביז אין די נײַנצעהנטע צייט.

ובסוף כל סדרה, לקוטים ממבחר הדרוש, על הפסוקים
ומאמרי חז״ל והענינים הנזכרים בהדרשות.

צווייטער טייל

ספר שמות

**נײַנטער העפט פרשה שמות**

פע׳פאסט פון הרב **שמואל שוועמער** יאסי

פע׳פאסער פון מע׳רערע ספרים אין עברעאיש און אידיש, און אר׳ויסגעבער
פון די „אידישע וויסענשאפט“. א זשורנאל פיר ליטעראטור, היסטאריע
וויסענשאפט, ביאגראפי און חדושי תורה.

**יאסי ת״ש**

# NOUA CARTE A PREDICILOR

**CUPRINDE**

Peste una sută predici religioase rostite în diferite
ocaziuni în sinagogile și templele din țară de

**Rabinul ȘMIL H. ȘFEMER**

autorul mai multor opere literare și științifice.

Partea II-a Exodus.

**IAȘI 1939**

Tip. „PROGRESUL“ M. GRIMBERG, Iași
Str. Victor Place No. 7 (în curte)

UNIVERSITÄT POTSDAM
Universitätsbibliothek

**CENZURAT**

# צווייטער „ספר הדרשות״

## א בוך פיר אלע אידען

### ענטהאלט אריבער הונדערט דרש

אויף יעדע סדרה פון דער תורה און אויף אלע ימים טובים. וועלכע בעהאנדלען די ברענענייגסטע פראגען בנוגע צו אידען און אידענטום פון די גאנץ ערשטע צייטען ביז אין די געגענווערטיגע צייט.

ובסוף כל סדרה, לקוטים ממבחר הדרוש, על הפסוקים ומאמרי חז״ל והענינים הנזכרים בהדרשות.

צווייטער טייל

ספר שמות

נײנטער העפט פרשה שמות

פערפאסט פון הרב **שמואל שוועמער** יאסי

פערפאסער פון מערערע ספרים אין עברעאיש און אידיש, און ארויסגעבער פון די „אידישע וויסענשאפט״, א זשורנאל פיר ליטעראטור, היסטאריע . וויסענשאפט, ביאגראפי און חדושי תורה.

י א ס י ״ ש

# NOUA CARTE A PREDICO

**CUPRINDE**

**Peste una sută predici religioase rostite în diferite ocaziuni în sinagogile și templele din țară de**

**Rabinul ȘMIL H. ȘFEMER**

**autorul mai multor opere literare și științifice.**

**Partea II-a Exodus.**

**IAȘI 1939**

Tip. „PROGRESUL" M. GRIMBERG, Iași
Str. Victor Place No. 7 (în curte)

ב״ה

## במקום הקדמה.

מיט שווערע מיה איז מיר געלונגען בע״ה צו ענדיגען מיין „ספר הדרשות“ אויף ספר בראשית און אנהויבען ספר שמות, ווי אמת איז דער מאמר החכם: אין לך דבר שעומד בפני הרצון *) מיין שטארקער רצון ארויסצוגעבען דעם „ספר הדרשות“ אויף תורה האט גובר געווען אלע שווערינקייטען וואס האבען געזאלט שטערען מיין ארבעט.

וועגען די וויכטיגקייט פון מיין "ספר הדרשות“ האבען ארויס גע-זאגט זייערע מיינונגען: הגאון מהר״יל צירלסאהן־קישנוב, הגאון ר׳ משולם ראהט־טשערנאוויץ, הגאון בורשטיין באטושאן הגאון ווערטהיים-טיגינע, הגאון ר״י ראכער־איזמאיל און נאך אנדערע פערזענליכקייטען, וועמענס הסכמות יעדער קען זעהען אין אנהויב יעדען העפט פון ספר בראשית׳ די בעסטע הסכמה איז אבער דער „דעת הקהל“ די עפענטליכע מיינונג וועלכע האט באגעגענט מיין „ספר הדרשות“ מיט גרויס צופרידענהייט, אהן מודעות אהן רעשענדיקע רעקלאמעס, אהן פילדירען און שרייען און די צייטונ־גען. אזוי ווי אנדערע מחברים טוען, האט מיין „ספר הדרשות“ געפונען דעם ריכטיגען וועג ווי ארום אריין צו קומען אין די הייזער פון הונדערטער אידען וועלכע לעכצען נאך א אמת אידיש ווארט, צו שטארקען און טרייסטען זייערע אבגעשוואכטע און פארחלש׳טע נשמות מיט א מאמר ח״זל און מיט א שעהנעם אידישען רעיון, איך וויל דא־ריבער האפען אז די אלע וועלכע האבען זיך פערשאפט דעם ספר בראשית פון מיין „ספר הדרשית“ וועלען זוכען זיך צו פערשאפען אויך דעם ספר שמות וועלכען איך האב איצט אנגעהויבען ארויס צו געבען, ווי אויך אלע חלקים אויף תורה וועלכע איך האף צו השי״ת ארויסצוגעבען.

המחבר.

*) „אין לך דבר שעומד בפני הרצון“ המאמר הזה לא מצאתי בר״זל אבל מצאתיו בספר נובלות חכמה בשם מאמר החכם ופירשו, אין לך דבר שעומד בפני הרצון, כלומר רצון הבורא, ומאמר דומה לזה יש בהקדמת הספר הנ״ל אין לך דבר שעומד בפני הזמן.

# שמות

## א.

### טעמא: יונג אין אלט, רעליגיאן אין נאציאנאליטעט.

גליקליך איז דע־ דור אין וועלכען די קינדער ווערן אויפגעצויגען אין דעם גייסט פון זייערע עלטערן, גליקליך איז דער דור אין וועלכען ס' הערשט נישט קיין מיינונגס פערשידענהייט צווישן זין און פאטער, דאמאלס איז דאס פאלק פארזיכערט מיט פראנ־עס אין פארטשריט, אומגליקליך איז אבער דאס פאלק בא וועל־כען דער יונגער דור האט, דורך די פארנאכלעסיגקייט פון די עלטערן, אוועק גענומען אויף אנדע־ע וועגן, אויף אזעלכע וועגען וואס שטימען נישט מיט'ן גייסט פונ'ם עלטערן דור, אלע פאלקס אינטערעסען ווערן דאמאלס פאראליזירט אין די עקסיס־טענץ פונ'ם גאנצען פאלק איז אין א גרויסער סכנה...

האט בא אונז אידען עקסיסטירט א מאל א פע־אייניגונג צווישן יונג און אלט? יא, דארויף זאגט אונז עדות די תורה, אויף די איינינקייט צווישן יונגען אין אלטען דור בא אידען בא זייער אריין קומען קיין מצרים זאגט די תורה: ואלה שמות בני ישראל הבאים מצרימה את יעקב איש וביתו באו [1]) דיזער פסוק צייגט אונז אז די פעטער און זייערע קינדער זענען געקומען קיין מצרים אונטער דער לייטונג פון זייער פאטריאכאלישען אלטען פאטער יעקב, אלע זענען געווען מיט אין דעה, עס האט נישט עקסיסטירט קיין פערשידענע מיינונגען צווישן יונג אין אלט, צווישן זין אין פאטער, דאס זעלבע געפונען מיר אויך בא זייער ארויס גיהן פון מצרים, ווען פרעה האט געפרעגט משה'ן: מי ומי ההולכים? האט איהם משה געענטפערט: בנערינו ובזקנינו נלך [2]) משה האט נישט געקענט פעסטשטע־לען די בעפרייהונג פון די אי־ן פון מצרים ביז ער אליין איז נישט געווען פעסט איבערצייגט אין די איינינקייט פון יונג אין אלט.

יא רבותי' די איינינקייט צווישען יונג און אלט איז זעהר נויטיג פאר'ן עקסיסטענץ פון יעדען פאלק, אבער ווי האלט עס בא אונז אידען היינט. ווען מיר שטעהען אויף דער שוועל פון דער גאולה. ווען די ארבייט פון אונזער

1) שמות א. 2) דארט ו.

נאציאנאלע ווידער אויפלעבונג האט אנגענומען א גרויסע פראפארציאן? מיר מוזען זאגען דעם אמת אז מיט דיזער פראגע האבען מיר בעריהרט זעהר א פערבלוטיגטע וואונד בא אונז. צו איז דער גלות שולדיג דראן צו זענען מיר אליין שולדיג אין דעם, אבער א פאקט איז עס, און זעהר א טרויריגער פאקט, אז איצט וועט עס זאל אויסשטעהען א פאלקס ערלעזער. וואלט ער נישט געקענט זאגען די ווערטער וואס משה בן עמרם האט דאמאלס געזאגט: בנעֵינו ובזקנינו נלך, ווייל איצט איז אונזער יונגער דור זעהר וויט פונ'ם גייסט פון עלטערן דור. די שפאלטונג צווישען אונזער יוגענד און עלטערע מענשען איז אונגעהייער גרויס, שרעקליך טיף איז דער תהום וואס טיילט אב אונזער יוגענד פון זייערע פעטער, ווער זעהט עס נישט, ווי אזוי א גרויסער טייל פון אונזער יוגענד איז פרעמד פון אלעם, וואס האט א שייכות מיט אונזער טראדיציע, פאר וועלכע אונזערע אבות אבותינו האבען זיך מוסר נפש געווען. און היינטיגע דורות פון הונדערטער יאהרען האבען אוועק געגעבען זייער לעבען, ווער קען דען לייקענען אז איצט איז בא אונז מקוים געווארן פולשטענדיג די ווערטער פונ'ם נביא: בן מנבל אב בת קמה באמה וכלה בחמותה אויבי איש אנשי ביתו [1] א גרויסער טייל פון אונזער יונגען דור האט פשוט, אהן מלאכות, אראב געווארפען פון זיך אלעס וואס שמעקט מיט אידיש' א גרויסער טייל פון אונזער יוגענד איז פארכאפט געווארן אין א געץ פון עמי הארצות, און עס פארקלעמט פשוט באם הארצען צו זעהען, ווי כמעט דער רוב פון אונזער יוגענד איז פרעמד פון אידישען וויסען און האט נישט קיין שום אנהאנג אין דער אלטער, מיטעל אלטער און נייער ליטעראטור פון זיין אייגען פאלק, און צום באוואונדערען. אז אפילו נאך דעם וואס די אסימילאציע האט 'געגעבען פאלימענט, נאך איהר שרעקליכען אין קאטאסטראפאלען באנקראט, קאקעטירט נאך א גרויסער טייל פון אונזער יוגענד צו איהר. שטויסען אב פון זיך און פון זייער הויז יעדען אידישען סימן; אפשר דערפאר האט גאט געהייסן די אידן אין מצרים זיי זאלן מאכען אויף די טירען פון זייערע הייזער סמנים פון בלוט, כדי דער „משחית" זאל דורך דעם דערקענען די יודישע שטוב אין זי איבערהיפען ווייל קיין אנדער אידישער סימן איז נישט געווען אין די אידישע הייזער, אזוי ווי בא א גרויסען טייל פון אונזער יונגען דור היינט...

געווארן אין דער לעצטער צייט א מאדע בא אונזער יוגענד זיך צו שעהמען מיט זייערע אידישע נעמען, עס פאסט נישט פאר א אידישן אינטיליגענט אדער אינטילינענטקי זיך צו רופען מיט'ן אידישן נאמען, ס' איז נישט שעהן צו הייסען, משה, נחמן, גרשון, ס' איז שענער צו הייסען גרישא, ניקא, סאשע, עס פאסט נישט צו הייסען חיים, יעקב, שענער זיך צו רופען, קארל, יאנקו, צום בע־

1) מיכה ז.

דוירען האבען פיל עלטערן, אפילו גאניץ ארטאדאקסישע, אליין פארבוינען די אידישע נעמען פון זייערע קינדער, אזוי אז די קינדער זענען אויסגעוואקסען און האבען לחלוטין נישט געוואוסט ווי אזוי זייער נאמען איז אויף אידיש' און נישט איינמאל האט שוין געטראפען, אז א פאטער איז געקומען שבת אין שיהל כדי צו מאכען א מי שבירך לחולה זיין קינד וואס איז געביך פערשלאגט געווארען, און ווען דער בעל קורא האט איהם געפרעגט דעם נאמען פון זיין קראנקען קינד, איז דער פאטער געבליבען שטעהן א פארמישטער, ער האט פארגעסען דעם אידישען נאמען פון זיין קינד, ער ווייסט אז ער הייסט גארג, אבער זיין אידישען נאמען האט ער פארגעסען, און איך זאג אייך בתורת עדות, אז איך בין צופעליג געווען בא א לויה אין א גרויסער שטאדט, און ווען דער חזן האט געמאכט דעם אל מלא רחמים, איז ער געבליבען שטעהן בא „את נשמת", ווייל קיין איינציגער פונ'ם פערשטארבענעם פאמיליע האט נישט געוואוסט זיין אידישען נאמען, און מ, האט געמוזט זאגען „אב־הם" אזוי ווי מ' רופט א גר [1])...

אזא שקאנדאל, צו פארלייקענען דעם ריכטיקען נאמען עקסיסטירט נישט בא קיין שום נאציאן, יעדער פאלק שטאלצירט מיט זיין נאמען. זיין נאמען דערוועקט אין איהם נאציאנאלע געפיהלען, איבערהויפט האט עס בא אונז אידען קיין מאל נישט עקסיסטירט, אפילו די אידען אין מצרים, וואס זענען געווען משוקע אין מ"ט שערי טומאה האבען זייערע אידישע נעמען נישט פארבוינען, אזוי ווי די תורה זאגט דארויף עדות: ואלה שמות בני ישראל הבאים מצרימה, ראובן שמעון לוי ,יהודה, און אונזערע חכמים זאגען אויף זיי עדות, שלא שנו את שמם, זיי האבען נישט איבערגעביטען זייערע נעמען, דער אידישער נאמען איז געווען בא זיי טייער. זיי האבען געוואוסט אז אין אידישען נאמען איז בעהאלטען דער גאנצער נאציאנאלער שטאלץ פון דור דורות, יעדער אידישער נאמען האט בעדייטעט א וויכטיגע עראייגנים פון פאלקס אינטערעסען, איבערהויפט האבן די אידישע נעמען ענטהאלטען דעם געדאנק פון דער האפנונג אויף זייער ערלייזונג. דער אידישער נאמען האט נישט געלאזט דעם אידען אריינפאלען אין א יאוש און א פערצווייפלונג און פערלירען די האפנונג אויף דער גאולה, ווי שעהן און ערהאבען קלינגען די ווערטער פון אינזערע חכמי המדרש ווענען די בעדייטונג פון די אידישע נעמען, ווי אזוי זיי ציינען אלע אויף אונזער ערלייזונג: ואלה שמות בני ישראל,

1) דער דובנער מגיד ז"ל, האט געטייטשט דעם פסוק: קראו בשמותם עלי אדמות (תהלים) אויף די וואס רופען זיך באם לעבען נישט מיט זייערע אידישע נעמען, אז על כל פנים ווען ער ליגט אויף דער ערד מוזען דערמאנען אין דער „מלא" זיין אידישן נאמען, ער האט נישט געוואוסט אז ס' וועט קומען א צייט אז אפילו בא דער „מלא" מאכען וועט מען נישט וויסען זיין אידישן נאמען.

על שם גאלת ישראל נוכרו, ראובן, ראה ראיתי את עני עמי, שמעון וישמע אלקים את נאקתם, לוי, על שם שנתחבר הקב״ה לצרתם מתוך העוני יהודה, על שם שהודו להקב״ה יששכר, שנתן להם הקב״ה שכר שעבודם ביזת מצרים וביזת הים, זבולן, ע״ש שיבנה הקב״ה את בית המקדש הנקרא בית זבול, בנימין, ע.ש ימינך ה׳ נאדרי בכח, דן, ע״ש וגם את הגוי אשר יעבודו דן אנכי וכו׳, יוסף ע״ש שעתיד הקב״ה להוסיף ולגאול את ישראל מן הגליות כשם שגאל אותם ממצרים, [1] דערפון זעהען מיר ווי אזוי אין די אידישע נעמען איז פערבונדען די האפנונג אויף דער גאולה, און ווער סי פארבוינט זיין אידישן נאמען לעקענט אויך אין דער האפנונג פון דער גאולה...

אונזערע חכמי התלמוד האבען געגלויבט אז דער נאמען פונים מענש האט א גרויסען איינפלוס אויף זיינע מעשים, א נאמען פון א צדיק האט א גרויסע השפעה אויך אויף דעם וואס ער הייסט נאך איהם, זייער מיינונג איז בעגרינדעט אויף דעם וואס אונזער פאטער יעקב האט אנגעזאגט זיינע קינדער: ויקרא בהם שמי ושם אבותי אברהם ויצחק [2]) דאס זעלבע האט אויך דער נאמען פון א רשע א גרויסען איינפלוס צ״ם שלעכטען אויף דעם וואס ער טראגט זיין נאמען, דואג בן יוסף וועמען זיין מוטער האט שטארק געצערטעלט אין האט געטראגען אין בית המקדש יעדען טאג אז׳׳י פיל געלד וויפיל ער האט געוואוינען, האט דאריבער וועהאט א מורא׳דיגע ענדע ווייל ער האט געהייסען נאך א רשע (דואג הארומי) [3]) דער גרויסער תנא ר׳ מאיר האט דאריבער מדקדק געווען אויפ׳ן נאמען פון א מענש [4]) און אונזערע חכמים האבן דורך דעם שטארק קריטיקירט אויף פיל עלטערען אין בבל וועלכע האבן גערופען זייערע קינדער כלדעאישע, בריקישע און רומישע נעמען ווייל זיי האבען מיט דעם אויסגעלאשען די אידישע נאציאנאלע געפילען פון זייערע ערצער [5]).

לעצטענס האט זיך א טייל פון אונזער יונגער אנגעהויבען שעהמען מיט זייער אידישע נעמען, איבערהויפט האבען זיי זיך נישט געוואלט בעוויזען מיט זייערע אידישע נעמען אין דער גאס אבער זעהט א וואונדער, פלוצים האבען זיך אנגעהויבען צו בעווייזען אויף די שילדען פון אלע אידישע סוחרים העכט אידישע נעמען, ווי הצקעל (יחזקאל) גרשון, זעליג, בע יש, יונה, א. א. א פנים אז די אידישע נעמען זענען געקומען מיט א קלאגע פארין רבונו של עולם, דיינע אידען שעהמען זיך צו באווייזין אין דער הפענטליכקייט מיט זייערע אידישע נעמען, זיי האבען אונז פארביטען אויף אזעלכע נעמען, אשר לא שערום אבותנו, מיר זענען געבליבען פארשעמטע, נעם דיך אן אונזער קריוודע רבונו של עולם, און עס ווייזט

1) שמות רבה פ״א. 2) בראשית מח. 3) יומא לח. 4) שם פ״ג. 5) ר׳ ירושלמי ר״ה פ״א.

אוים אז השי"ת האט פארנומען זייער געבעט, און האט אריין געגעבען אין די געראנקען פון די וואס שטעהען בא דער מאכט, ארוים צו געבען א באפעהל, אז יעדער אידישער סוחר מוז אויף זיין פירמע זיין אבת אידישען נאמען, און אזוי ארום האבען זיך אנגעהויבען צו בעווייזען אידישע נעמען אויף דער גאס... און עס קומט מיר אויפ'ן מוח א שווידערליכער געראנק, אפשר זענען די שעהנע שיהלען און טעמפלען פון היטלערלאנד אויך געקומען מיט א קלאגע צום רבונו של עולם, מיר שטעהען וואכען און חדשים ליידיג. דיינע אידען בעזוכען אונז נישט, אבת, זיי האבען אונז שעהן אויסגעפוצט, אריין געשטעלט די שענסטע מעבעל, אונז בעציהרט מיט וואונדער שעהנע עלעקטירישע לאמפען, געוואלדיג שעהנע ארון־קודש'ן, אבער מיר שטעהען פוסטע, דיינע אידען דאווענען נישט, אין וויל דארויף איז סיי ווי דער רבונו של עולם אין כעס, אזוי ווי אונזערע חכמים זאגען; כיון שבא הקב"ה לבהכ"נ ולא מצא עשרה מיד הוא כועס [1] ווען השי"ת קומט און שיהל און געפונט דארט נישט א מנין אידען וועניגסטענס דאווענען, ווערט ער אין כעס, און אט דיזען כעס האט טאקי השי"ת אויסגעגאסען אויף די פארשעהמטע שיהלען און האט געשיקט די נאציסטען זיי זאלען זיי אנטערצינדען און פארברענען, און אז די אידישע פיינד האבען נישט געקליבען און האבען פארברענט אויך אזעלכע שיהלען אין וועלכער מ' האט יא געדאווענט, ווייסען מיר דאך פון דעם מאמר: כיון שניתן רשות למשחית אינו מבחין בין טוב לרע, [2] אז ס' ווערט נור געגעבען רשות דעם „משחית", קלייבט ער נישט איבער און פארדערבט דעם נוטען צוזאמען מיט'ן שלעכטען, און איך ציטער אז אויך דער שבת, וועמענס הייליגקייט א גרויסער טייל אידען טרעטען איצט מיט די פיס, זאל ח"ו אויך נישט קומען מיט א קלאגע אויף די אידען פאר'ן רבונו של עולם, און דאן, מי יודע וואס פאר א גזירות רעות ס' קען נאך חלילה קומען אויף אידען...

אפשר וועלען א טייל פון מיינע לעזער רעאקציאנירען אויף דיזען מאמר און זאגען אז איך האב צו שארף ארויסגעטרעטען מיט דיזע ווערטער, מוז איך אייך דערציילען רבותי אז איך בין א מאל געווען אין רוסלאנד אין א שטאט אויף א שבת אין וועלכען דער בייוואוסטער לוצקער מגיד האט בעדארפט זאגען א דרשה אין דער גרויסער שיל, איך בין געוועהנליך אויך געגאנגען הערען די דרשה, די שיל איז געווען געפאקט מיט עולם און דער מגיד איז ארויף אויף דער בימה, און אזוי ווי דער לוצקער מגיד איז געוועהן בטבע א גרויסער בעל מוסר, דאט ער אנגעהויבען מיט פאלגענדע ווערטער; רבותי, א מאטי כיט א זין זענען א מאל געפאהרען אויף א יארנה אין א גרויסע שטאט, אויף ערע ווען זיי האבען שוין

---

1) ברכות ה. 2) ב"ק ס.

בעדארפט אהיים פאהרען, האבען זיי אנגעטראַסען א סוחר וואס האט פארקויפט פארטיגע מלבושים מיט זעהר בילינע פרייזען, דער זיהן האט נעקויפט טערערע מלבושים גרויסע און קליינע מאסען, פאר זיינע קינדער, דער פאטער פרעגט זיין זין, קינד לעבען, ווי אזוי ווייסטו די מאס פון דיינע קינדער וואס די קויפט פאר זיי מלבושים? פאטער לעב, האט דער זין געענפערט. איך האב ב"ה טערער קינדער אויב א מלבושיל וועט נישט פאסען פאר־מיין שטאולעק וועט עס פאסען פאר מיין משה'לע אין אז ס' וועט נייטש פאסען פאר מיין משה'לען וועט עס פאסען פאר מיין יעקב'לען, איך זאג אויך דאס זעלבע, האט דער לוצקער מגיד געזאגט, איך האב נעבראכט מיט מיר ווענען מיין היינטיגער דרשה פיל מלבושים און יעדער פון די צוהערער וועט זיך אנמעסטען דאס מלבוש וואס ס' פאסט פאר איהם... איך דענק דאריבער אז צווישען די לעזער פון מיין דרשה וועלען זיך אויך געפונען אזעלכע וואס וועלען קענען אויף זיך אנמעסטען א טייל פון מיינע רייד... א חוץ דעם ווייסט איהר דאך רבותי, אז אונזערע אידען זאלען געזונד און שטארק זיין, בעזיצען זעהר א גוטע און טייערע מדה, די מדה פון סבלנות, עס א־ט זיי נישט, דער מגיד מעג זיך זאגען וואס ער וויל, דער מחבר מעג זיך שרייבען ווי אזוי עס קומט איהם אויס, און זיי טוען זיך זייערס, נאך א זאך ווען מיינע ווערטער, זאגט דער רכב"ם אויף א ארט, וועלען ווירקען נור אויף איינעם פון טויזענד, וועלכער וועט מודה זיין אז איך בין גערעכט, איז פאר מיר שוין גענוג, אין דאס זעלבע זאג איך אויך...

מיר קערען זיך אום צו די דערמאנטע צוויי פסוקים: ואלה שמות בני ישראל. את יעקב איש וביתו באו און בנעורינו ובזקנינו נלך. און מיר געפונען אין זיי נאך א עראבענעם געדאנק. מיר זעהען אז באם אריין קומען קיין מצרים, דערציילט אונז די תורה: איש וביתו באו, דאס הייסט אז די יונגע האבען נענעבען דעם פארצוג צו די עלטערע, דער פאמיליען פאטער איז נעגאנגען פאראויס און נאך איהם די קינדער, דער פאטער איז געווען דער פיהרער דער לייטער, נאך וועמענס עצה עס איז נעגאנגען די גאנצע פאמיליע, ווען די אידען זענען אבער א־ויס נע־גאנגען פון מצרים, ווען דאס פאלק איז געווען אויסגעזעצט צו אלע מינים בא־געגנישען און דער מדבר' וואו עס האט טאקי פאסי־ט אז דער שונא ישראל עמלק איז אנגעפאלען פלוצים אומגעריכט אויף די אידען, דאמאלס האט משה געזאגט: בנערינו ובזקנינו נלך, איצט מוזען מיר שיקען די יונגע פאראויס, די בעלי כחות פריהר, זיי זאלען שיצען דאס פאלק פאר יעדען עוואנטועלען אנפאל, און מיר געפונען נישט אז עס זאל געוועהן זיין א ווידערשטאנד צו משה'ס ווערטער מצד פון דער יוגענד, די יוגענד איז געוועהן געהערכזאם, און צוזאמען מיט די עלטערע האבען זיי אלעס געטאהן לטובת העם. היינט איז גאנץ אנדערש די לאגע בא־

אונז, איצט וויל אונזער יונגער בשום אופן נישט זיין איינשטימינג מיט'ן עלטערן דור, איצט וויל אונזער יונגער שטעהען בראש און ווילען זיך נישט רע־כענען מיט די עלטערע, איצט איז די שפאלטונג צווישען יונג און אלט בא אונז זעהר גרויס, און דאריבער באשטעהט אונזערע גרויסע פאלקס אומגליקען סיי אין די גלות לענדער, סיי אין ארץ ישראל, דורך דיזע שפאלטונג אין אידישען לאגער איז אונזער לאגע אזוי שלים סיי דא סיי דארט.

פארהאן יא, וואן אונזער יונגער טרעט אפ די פאזיציע און לאזט איבער די גאנצע דעה צום עלטערן דור, אין רעליגיעזע ענינים, זאלען די עלטערע אידען קישען די תורה וויפיל זייער הארץ גליסט, זאלען זיי דאווענען און זאגען תהלים וויפיל זיי ווילען, אבער אין עניני עולם הזה, אין פאליטישע ענינים זאלען זיי אונז נישט זאגען קיין דעות, אונזער יונגער האט זיך איינגעטיילט מיט'ן עלטערן דור ביידע וועלטען, אזוי ווי יעקב מיט עשו'ן להבדיל, פאר זיך גענומען עולם הזה און פאר די עלטערע עולם הבא, זיי זאגען אזוי ווי יענער משכיל האט באמערקט אין יהי רצון פון פאר ראש חודש בענשען, ותתן „לנו" חיים ארוכים, חיים של ברכה, חיים של פרנסה, חיים שיש „בהם" יראת שמים ויראת חטא, דאס הייסט אז ברכה און פרנסה נעמט ער פון זיינעט וועגען און יראת שמים און יראת חטא לאזט ער צו א אנדערען, אזא מין פאליטיק האט שוין א מאל, אין די גאנץ אלטע צייטען, עקסיסטירט בא אונז אידען. ווען משה רבינו האט זיך געזעגענט מיט די אידען פון דער זייט ירדן אין דער מדבר בערבה, וואן ער האט איבער געחזרט די גאנצע געשיכטע פון די אידען זייט ער האט זיי דערקענט, האט ער צו זיי, צווישען אנדערעס, אויך דערמאנט די געשיכטע פון די מרגלים, מיט די ווערטער. ותקרבון אלי כולכם ותאמרו נשלחו אנשים לפנינו ויחפרו לנו את הארץ [1]) און איהר זענט אלע געקומען צו מיר און פערלאנגט צו שיקען מענשען זיי זאלען אויסזעהען דאס לאנד וועלכעס גאט האט צו געזאגט צו אייערע עלטערען, זאגען דארויף אונזערע חכמים: ולהלן ותקרבון אלי כל ראשי שבטיכם וזקניכם, אותה קריבה היתה הגונה, ילדים מכבדים את הזקנים וזקנים מכבדים את הראשים, אבל כאן, ותקרבון אלי כולכם בערבוביא, ילדים דוחפים את הזקנים [2]) דאמאלס, בא מתן תורה, זאגט דער פסוק און איהר זענט געקומען צו מיר אייערע זקנים און די עלצטע פון אייערע שבטים. דאמאלס איז געוועהן זעהר שעהן און איינשטענדיג, די יונגע האבען אבגעגעבען כבוד צו די עלטערע און די זקנים האבען צו געטיילט כבוד צו די פארשטעהער פון אייערע שבטים, אבער איצט, באם שיקען די מרגלים, איז געווען א פארמישיכץ, די יונגע האבען אוועק געשטויסען די אלטע און זיי זע־

---

1) דברים א. 2) רש״י במקומו.

'ען גענאנגען פאראויס, פון דיזען מאמר פארשטעהען מיר אז משה רבינו האט דא בעטראכט זעהר א אינטערעסאנטען פענאמען, ער האט תהילת גערעכענט, א' דאס וואס בא מתן תורה האבען די יונגע געלאזט געהען די עלטערע פאראויס, א' געווען צוליב דעם געפיהל פון כבוד וואס די יוגענד האט געפיהלט צו די זקנים׳ איצט אבער ווען משה האט געזעהען אז באם שיקען מענשען ווענען אויסצוזהען דאס לאנד, האבען די יונגע אוועק געשטויסען די עלטערע און זיי זענען געגאנגע' פאראויס, איז ער געקומען צו דער איבערציינונג, אז ווען עס האנדעלט זיך אין ענין פון תורה׳ אמונה, האלטען זיך די יונגע צוריק אין לאזען דאס אלעס צו פאר ד' זקנים, זאלען זיי זיך באשעפטיגען מיט עולם הבא געשעפטען, פאר דער יוגענד איז דאס קיין סחורה נישט, ווען עס האנדעלט זיך אבער ווענען אב צו נעמען א לאנד, דארט האבען די יונגע אוועק געשטויסען די עלטערע און האבען מאנא־פאליזירט די גאנצע דעה אין אזעלכע ענינים פאר זיך...

דאס זעלבע פאסירט אויך אין אונזערע צייטען פון רעליגיעזע אין אמונה ענינים וויל אינזער יוגענד כלל נישט וויסען. דאס אלעס לאזען זיי איבער פאר'ן עלטערן דור, זיי אינטערעסירט כלל נישט עולם הבא זאכען, אבער אין עולם הזה ענינים, אין אונזער נאציאנאלע באוועגונג, האט אונזער יוגענד ווי געזאגט מאנאפא־ליזירט די גאנצע דעה פאר זיך און רעכנען זיך כלל נישט מיט דער מיינונג פון עלטערן דור.

אט די דאזיגע שפאלטונג פון יונג אין אלט אין אונזער לאגער, די דאזיגע שפאלטונג צווישן אונזער רעליגיעזען און נאציאנאלען לעבען, נא „אונז, איז די אורזאכע וואס אונזער לאגע אין די גלות לענדער ווערט אלץ שווערער, און שטערט אויך די ארבייט פון אונזער ווירער אויפלעבונג אינ'ם לאנד פון אונזער'ע אבות, און מיר נויטיגען זיך זעהר אין די פאראייניגונג פון יונג און אלט, אזוי ווי דער נביא האט אונז נביאות געזאגט אויף אחרית הימים הנני שולח לכם את, אליהו הנביא והשיב לב אבות על בנים ולב בנים על אבותם[1]) ווייל נור אין דיזער פאראייניגונג פון יונג און אלט, פון אונזער רעליגיעזען און נאציאנאלען לעבען, הייגנט אב אינזער גאולה בזה"ה בימינו אמן.

---

1) מלאכי ג.

# שמות

## ב.

### טעמא: אונזערע מאמעס אין זייערע זין.

רײדענדיג אין דער פאריגע דרשה װעגן דעם גרױסן קאנטראסט צװישן יונגען אין עלטערן דור בא אונז אין אונזערע צײטען, רײדענדיג דערפין װי אזוי א גרויסער טייל פון אונזער יונגענד איז פרעמד פונ׳ם אמת׳ן אידישן גײסט, איז מיר געקומען אויפ׳ן געדאנק די װערטער פונ׳ם נביא אין דער הײנטיגער הפטורה: ויהי דבר ה׳ אלי לאמור: בטרם אצרך בבטן ידעתיך, ובטרם תצא מרחם הקדשתיך נביא לגוים נתתיך [1] און די רײד פון גאט זענען געקומען צו מיר. בעפאר איך האב דיך בעשאפען, אין דײז מאמעס בוך האב איך דיך דערקענט, און אײדער ביזט ארויס פון דײן מאמעס טראכט האב איך דיך געהײליגט, אין דיך בעשטימט אלס א נביא צו פעלקער. װענן װאס אײגענטליך האט השי״ת מודיע געװען דאס דאזיגע צום נביא, און צו װעלכען צװעק האט דער נביא איבערגעהזרט די רײד, צו האט זיך דער נביא דערמיט געװאלט באריהמען פאר׳ן פאלק? כדי מיר זאלען געבען א ריכטיגן ענפער אויף דער דאזיגע פראגע, מוזען מיר זיך אבשטעלן נאך אויף אזא געגליכען ענין.

װען דער מלאך האט זיך באװיזן צו מנוח׳ס װײב אין האט איהר געזאגט: הנה נא את עקרה ולא ילדת והרית וילדת בן: ועתה השמרי נא ואל תשת יין ושכר ואל תאכלי כל טמא... כי נזיר אלקים יהיה הנער מן הבטן [2] זעה דו ביזט א אונפרוכטבארע און האסט נאך נישט געבוירען קײן קינד נון װעסטי שװאנגערן און װעסט געװינען א זין, זאלסט זיך היטען נישט טרינקען קײן װײן

1) ירמיה א. 2) שופטים י״ג ס׳ איז װערט צו באמערקען אז װען אשת מנוח האט איבערגעזאגט די רײד פונ׳ם מלאך צו איהר מײן האט זי מוסיף געװען דרײ װערטער װעלכע דער מלאך האט איהר נישט געזאגט. דער מלאך האט איהר געזאגט: כי נזיר אלקים יהיה הנער מן הבטן, און זי האט געזאגט: כי נזיר אלקים יהיה הנער מן הבטן עד יום מותו, אין די דאזיגע דרײ װערטער זענען טאקי נישט מקוים געװארען.

און קיין שטארקע געטרענקע און זאלסט נישט עסן קיין אומריינע זאכען, ווייל
דאס קינד וואס וועסט געבוירען וועט זיין א נזיר אלקים. האט די פרוי נישט פאר-
שטאנען וואס פאר א שייכות האט עס וואס זי זאל נישט טרינקען קיין ווין און
נישט עסן קיין אומריינע זאכען דערמיט אז איהר קינד וואס זי וועט געבוירען זאל
זיין א נזיר אלקים ? זי דארף דאס קינד היטען פון דעם אלעמען, כדי ער זאל
זיין הייליג צו גאט, אבער וואס פאר א שייכות האט עס צו איהר ? און ווען זי
האט דערציילט די ווערטער פונ'ם מלאך צו איהר מאן, האט ער עס אויך נישט
פארשטאנען, און ער האט דאריבער גאט געבעטען, ער זאל איהם נאך א מאל
שיקען דעם מלאך ער זאל איהם די זאך ערקלערן: אזוי ווי דער פסוק זאגט
דייטליך, ויעתר מנוח אל ה׳ ויאמר בי אדוני, איש האלקים אשר שלחת יבוא נא
עוד אלינו ויורנו מה נעשה לנער היולד, [1] און מנוח האט געבעטען גאט און האט
געזאגט; איך בעט דיך מיין הערר, זאל דער מלאך וואס האסט צו מיר געשיקט
נאך א מאל קומען און זאל אונז לערנען וואס צו מאן מיט'ן קינד וואס וועט גע־
בוירען ווערן, דערפון זעהען מיר אז מנוח און זיין ווייב האבן געוואלט וויסען וו.
אזוי זיי זאלן זיך נהג זיין מיט'ן קינד און האבן נישט פארשטאנען די ווערטער
פונ'ם מלאך בנוגע צום קינדס מוטער, ווען דער מלאך האט זיך אבער דאס צווייטע
מאל באוויזען, האט ער ווידער גערעדט פונ'ם קינדס מוטער און אויף דער פראגע
פון מנוח: מה יהיה משפט הנער ומעשהו, וואס זאל זיין די געזעץ פונ'ם געבוירע־
נעם יונגעל און זיינע ווערק, האט איהם דער מלאך געענטפערט נאך א מאל:
מכל אשר אמרתי אל האשה תשמר [1]. אלעס וואס איך האב געזאגט צו דער פרוי
זאל זי אבהיטען, דאמאלס האט שוין מנוח און זיין ווייב פארשטאנען, אז כדי
דאס קינד זאל זיין א נזיר אלקים, איז מאקי געוועגד און זיין מוטער, אויב די
מיטער נעהמט און גאט'ס וועג און היט זיך פון יעדע אומריינע זאך קען איהר קינד
אויסוואקסען א נזיר אלקים און אפילו א נביא.

א בעוויז צו דעם וואס דער מלאך האט געזאגט צו מנוחן און צו זיין ווייב
אז כדי דאס קינד זאל אויסוואקסען א נזיר אלקים מוז זיין מוטער זיך היטען צו
עסן יעדע אומריינע זאך, איז די געשיכטע וואס ווערט דערציילט און תלמוד [1] א
שוואנגערע פרוי האט א מאל פארשמעקט א ריח פון א מאכל אום יום כפור, מ״

---

1) א וואונדער שעהנע באמערקונג מאכט בר קפרא אין ילקוט שופטים ס׳ סח,
ווען דער מלאך האט זיך באוויזען צו אשת מנוח אליין האט ער געזאגט הנה נא את
עקרה׳ ווען ער האט זיך אבער דאס צווייטע מאל באוויזן און דער געגענוואַרט פון
איהר מאן אויך, האט ער שוין די דאזיגע ווערטער נישט געזאגט. און האט אנגעהויבן
מכל אשר אמרתי אל האשה תשמר. ווי וויכטיג איז דער שלום אז און געגענוואַרט
פונ'ם מאן האט דער מלאך נישט געוואלט זאגן זיין ווייב הנה נא את עקרה...

האט איהר דאס מאכל געבראכט. גלייכצייטיג האט מען איהר אריין געזאגט אין אויער, זאלסט וויסען אז היינט איז יום כפור, און די פרוי האט דאס מאכל נישט געגעסען, דער זעלבער פאל האט פאסירט מיט א צווייטע פרוי, ס' האט זיך איהר פארגלוסט א מאכל אום יום כפור, מ' האט איהר דאס מאכל געבראכט און איהר אויך אריין געזאגט און אויער, היינט איז יום כפור, ס' האט אבער נישט געהאלפען און זי האט דאס מאכל געגעסען, דאס קינד וואס די ערשטע פרוי האט געבוירען האט אויסגעוואקסען דער בעוואוסטער תנא ר' יוחנן, און דאס קינד וואס די צווייטע פרוי האט געבוירען האט אויסגעוואקסען א גרויסער רשע.

דערמיט פארשטעהען מיר אויך וואס אונזערע חכמי המדרש זאגן, אויפ'ן פסוק: ויתרוצצו הבנים בקרבה.[2] ווען אונזער מוטער רחל איז א דורך געגאנגען נעבן בית המדרש שם ועבר האט יעקב געצאפעלט ארויס צו געהען, ווען זי איז אבער אדורך געגאנגען נעבען א עבודה זרה, האט עשו געצאפעלט ארויס צו געהען[3] יעדע אידישע מוטער וואס טראגט און איהר בוך א קינד, קען דאס קינד אויס-וואקסען א יעקב אדער א עשו. ס' איז אבעהענגיג נור אין דעם וואו דאס פלאץ פון זיין מוטער איז, אויב איהר פלאץ איז אין גאט'ס הויז, אזוי ווי דער משורר זאגט; שמחתי באומרים לי בית ה' נלך[1] שבתי בבית ה' כל ימי חיי.[2] אויב זי געהט אין אידישען וועג און פאר טרפה'ט נישט איהר נשמה מיט אומריינע מאכלים, וועט דאס קינד וואס קומט פון איהר ארויס זיכער אויסוואקסען א יעקב אויב די מוטער געהט אבער אין פרעמדע וועגען, זי געהט וואו מ' דארף נישט און עסט וואס מ'טאר נישט, וועט דאס קינד וואס זי טראגט און איהר בוך בודאי אויסוואקסען א עשו...

איצט פארשטעהען מיר שוין צוליב וואס השי"ת האט געזאגט צו ירמיה'ן: בטרם אצרך בבטן ידעתיך, און צוליב וואס ירמיה האט טאקי די דאזיגע ווערטער פון גאט איבער'געזאגט, צוליב דעם אז מ' זאל וויסען, אז אין דער מאמען איז געווענט אז דאס קינד וואס זי וועט געבוירען זאל אויסוואקסען א נביא, א שופט אדער א תנא. ס' איז אבעהענגיג און דעם ווי אזוי זי פירט זיך, יעדער קינד מוז זיין געהיילינט פון זיין מוטערס בוך, א קדוש מבטן אלעס איז געווענד און דער אידישער מאמע, זאלען אונזערע אידישע מוטערס זיך פיהרען אידיש, אב היטען טהרת המשפחה, פיהרען א כשרה קיך, וואלטען אויך זייערע קינדער געווען קדושים מבטן, איז אבער א בושה און א חרפה צו זעהען ווי אזוי אונזערע אידישע יונגע מאמאליך פיהרען זיך און נאך א גרעסערע בושה צו זעהען זייערע עופה'ליך וואס זיי פיקען אוים.

צו האבען העכט אידישע קינדער, מוזען מיר צ'ם ערשטען האבען העכט אידישע מאמעס.

1) יומא פז. 2) בראשית כה. 3) רש"י דארט. 4) תהלים קכב. 5) דארט כז.

## לקוטים ממבחר הדרוש על הפסוקים ומאמרי ח"זל המובאים בהדרשות הקודמות.

# שמות

## לדרוש א.

א) ואלה שמות בני ישראל הבאים מצרימה (שמות א) בר"שי בשם המדרש אעפ"י שמנאן בחייהן חזר ומנאן במיתתן להודיע חבתן. הנה איש רשע אף שבחייו מזכירין אותו בשמו ע"י העשירות אבל אחר מותו יאבד שמו ואין מזכירין אותו, לא כן איש צדיק שמו נזכר ימים רבים גם אחר מיתתו ע"י מעשיו הטובים, וז"ש רש"י מזה שחזר ומנאן והזכיר את שמותיהן גם אחר מיתתן הודיע הקב"ה את חיבתן לפניו, כי אם לא היו חביבין לפניו ע"י מעשיהם הטובים לא הי' מזכיר שמותיהן אחר מיתתן [1].

ב) ויקרא בהם שמי ושם אבותי אברהם ויצחק (בראשית יח) קשה איך הקדים יעקב אבינו ע"ה שמו לשם אבותיו אברהם ויצחק? ונראה עפ"י מה ששמעתי, בשם ההרה"ק בעל ישמח משה זצ"ל עה"כ בסודם אל תבא נפשי פר"שי ז"ל במחלקותו של קרח, ואמר שלטונתן נתכון, כי כשאדם עושה מצוה פועל בקרושתו בשורש קדושת ישראל הן האבות הקדושים, ולהיפך אם אדם עושה עבירה פועל ג"כ לרעה עד השורש, וכל זמן שהחטא לא נגע עד השורש עוד יש לו תקוה שישיב, אבל אם פגם ביעתו עד השורש שוב אין לו תקומה, ולכן קלל דוד המלך ע"ה את שונאו; תבא עד דור אבותיו, שהחטא יגיע עד השורש, ואז עד נצח לא יראה אור, ולכן אמר יעקב, בסודם אל תבא נפשי, ר"ל שלא יגיע חטאם עד השורש. כדי שיהי' להם תקומה. ולכן אמר כאן קודם שמו ואח"כ שם אבותיו שהם השורש למעלה. [2]

ג) ויקרא בהם שמי ושם אבותי אברהם ויצחק (בראשית יח) נראה עפ"י מ"ש השל"ה הק' על הכתוב, וזכרתי את בריתי יעקב וכו' הנזכר בתוכחה שגם זה הוא קללה כי בשביל שהם בני אבות קדושים ענשם קשה יותר, וע"כ אמר יעקב בסודם אל תבא נפשי פיר"שי במעשה זמרי ובמחלקותו של קרח, כדי שלא יהי' ענשם קשה כ"כ, וע"כ התפלל יעקב על זרעו של יוסף שיקרא בהם שמו ושם אבותיו ולא יבושו האבות במעשיהם ויוכל להתיחס אחרי אבותיהם. [3]

ד) במסכת (סוטה מט) תניא ר' נהוראי אומר, דור שבן דוד בא נערים לבינו פני זקנים בת קמה באמה כלה בחמותה וכו' וקשה בשלמא בת קמה באמה

---

1) הרה"ג ר' אברהם שטערן בשם הותנו ז"ל 2) הרה"ג ר' עזריאל מיידלס. 3) ה"נל.

הוא חידוש שאין הדבר נהג כן בזמננו אבל כלה בחמותה גם בזמן הזה מריבות זו בזו כמאמרם ז"ל כשם שאי אפשר לעורב שיתלבן כך אי אפשר שיהי' שלום בין כלה לחמותה, ונראה דבזמן הזה תמיד החמותה מתחלת בריב ומתוך זה מתרבה המריבה בינה ובין כלתה אבל בזמן שבן דוד בא תהי' החוצפה כ"כ עד שהכלה תתחיל בריב עם חמותה אעפ"י שהיא לא דברה לה כלום וזה כלה בחמותה שהיא תתחיל בריב. [4])

ה) שם. ר' אליעזר הגדול אומר מיום שחרב בית המקדש שרו חכמיא למיהוי וכו' ועל מי יש לנו להשען על אבינו שבשמים, וקשה הלא אף בזמן שבהמ"ק היה קים על מי הי' לנו להשען אם לא על אבינו שבשמים? גם יש להבין למה לא אמר על הקב"ה דהוא לשון המורגל בש"ס, אכן י"ל עפ"י מ"ש בס' צמח צדיק עה"כ, אלקים בשמים ואתה על הארץ ע"כ יהיו דבריך מעטים, דכשיש צדיקים בדור השראת השכינה היא על הארץ ונוכל לפעול כל טוב ע"י התפילות וידיעת ההפכים נודע, וזה פי' הפסוק. אלקים בשמים ואתה על הארץ היינו כשאין צדיקים בדור על כן יהיו דבריך מעטים, כי על זמן כזה נאמר סכות בענן לך מעבור תפלה. ולפי"ז יובן מ"ש דאין לנו להשען אלא על אבינו שבשמים דייקא, היינו כנ"ל מפני פגם הדור אבינו הוא רק בשמים. [5])

4) הגה"ק ר' אליהו הכהן האתמרי ז"צל. 5) הרה"ק ר' ברוך מוויזניצא ז"צל.

# שמות

## לדרוש ב.

דברי ירמיהו בן חלקיהו וגו׳ בטרם אצרך בבטן ידעתיך וגו׳ נביא לגוים נתתיך (ירמיה א) בילקוט למה נקרא שמו ירמיה שבימיו נעשה המקדש ארימון. וקשה למה לא מצינו טעם לשמות שארי הנביאים כמו שהקשה המדרש לדעת טעם שם ירמיה? אכן הענין יובן עפ״י מה שמצינו שבימיו קרא הקב״ה על עצמו, הייתי שחוק לכל עמי, כי כבוד ה׳ בעוה׳ נשפל והורד מכבודו עד ששחקו בו, ושם ירמיה מורה על רוממות אל׳ ירם יה׳ ששם יה יתרומם בכבוד לכן שאל למה נקרא שמו ירמיה, מאחר שכל כבוד ה׳ הורד בימיו היפך הוראת שם ירמיה שכבוד ה׳ יתרומם, ותירץ משום שבימיו נעשה המקדש ארימון, שהמקדש נחרב ונחלק שמו המיוחד שתי אותיות הראשונות יה נסתלקו למעלה ושת׳ האחרונות נשלכו למטה בסוד השליך משמים ארץ תפארת ישראל, דו פרצופין, ולכן נקרא שמו ירמיה ר״ל ירם יה ב אותיות הראשונות נתרוממו למעלה ונחרב בהמ״ק ונפרדו ב׳ אותיות האחרונית וה מן יה ובעבור זה נקרא ירמיה ובזה נבין מדוע ישראל שבאותו הדור לא רצו להאמין שיחרב המקדש כמש״ה, לא האמינו מלכי ארץ כי יבא צר ואויב בשערי ירושלים אף שנביאתו היתה מוחזקת שנביא אמת היה לפי ששמעו ישראל מפי ירמיה שאמר במאמר האל, בטרם אצרך בבטן ידעתיך נביא לגוים נתתיך והוו דייקי בשמיה שאמר נביא לגוים והוא נקרא ירמיה דקי״ל דשמא גרים ור״ל ע״י שינבא לגוים שישי בו והם לא ישיבו כי עם קשה קדל המה והקב״ה יעשה בהם דין ומשפט ועי״ז שמו יתגדל ויתקדש, כמש׳ והתגדלתי והתקדשתי וגו׳ וידעו כי אנו ה׳ ונרמז בשמו ירם יה שעי״ז שמו יתרומם והם לא האמינו בנביאתו שירושלים יחרב וישפל, אבל באמת מה שאמר הקב״ה נביא לגוים נתתיך כונתו לישראל שנקראו בשם גוים לומר לך שכל שבט בפני עצמו נקרא גוי כמ״ש בהפטורת ויגש ושמו מוכיח שבימיו יחרב בהמ״ק והרמז בשם ירמיה שהאותיות יה יתרוממו ויתפרדו מאותיות וה. [1])

---

1) שלשה שרינים הפטורת שמות.